ד. כרגיל צו אפלערנען א פרש"י על הסדרה, ועד"ז בפרשתנו איז דאך דא דער פרש"י הידוע אויף "ה' אלקי אבותיכם יוסף עליכם ככם אלף פעמים" (א, יא), וואס מ'האט שוין אפגעדרוקט דעם ביאור בזה עפ"י חסידות אין דעם ליקוט פון דער וואך - דאס איז אבער א ביאור עפ"י חסידות, וכמדובר כמ"פ אז פרש"י איז פשש"מ, און דאס דארף זיין פארשטאנדיק אויך צו א בן חמש למקרא.

און אע"פ אז מ'האט דארטן צוגעשריבן דעם ביאור אין פשש"מ (ס"י), איז דאס אבער ניט פארשטאנדיק בפשטות צו א בן חמש למקרא, נאר דאס איז נפלאות שבפרש"י, און דאס דארף זיין פארשטאנדיק אויך בפשטות צו א בן חמש למקרא.

מ'זאגט אים טאקע אז ס'איז דא סוד און דרוש און רמז שבתורה, און ער האט דאס אויך, ווארום תורה צוה לנו משה מורשה, ער ירש'נט די גאנצע תורה, פרד"ס שבתורה, און דער ענין פון ירושה איז דאך ניט נאר ווען ער ווערט בר מצוה, נאר תיכף משנולד ירש'נט ער גאנץ תורה, עאכו"כ נאך דעם וואס נכנס בבריתו של אברהם אבינו, וואס דעמולט נכנסה בו נפש הקדושה, ועד"ז אשה כמאן דמהילא דמיא (ע"ז כא, א), האט ער גאנץ תורה,

וכמבואר אין הל' ת"ת פון אלטן רבי'ן (פ"א ה"ד) אז יעדער איינער דארף לערנען כל ד' חלקי התורה, און אויב ער האט ניט געלערנט אלע ד' חלקי התורה, דארף ער אראפקומען נאך אמאל אין א גלגול דא למטה.

- האט ער טאקע אלע ד' חלקי התורה, אבער מ'הויבט אן לערנען מיט אים פשוטו של מקרא.

ביז אז ס'זיינען דא ערטער וואס רש"י זאגט "לא ידעתי", אז ער האט ניט קיין ביאור אין דעם בפשש"מ. און ניט דער טייטש אז ס'איז

- ניסא -

<u>הנחת הת' בלתי מוגה</u>

נימא קיין ביאור אין דעם, און מ'דארף דאס אפלאזן, נאר מ'דארף דאס לערנען אין אן אופן פון "לא ידעתי", ע"ד ווי דאס איז אין קיום המצוות, אז ס'איז דא מצוות וואס זיינען חוקים, און ס'איז נימא קיין הסברה אויף זיי, איז ער דאך מקיים די מצוות, עד"ז בנוגע צו לימוד התורה, לערנט ער דאס, נאר דער לימוד איז אין אן אופן פון "לא ידעתי".

וואס דער מקור פון פרש"י איז פון ספרי און מד"ר, ווי ס'איז שוין געצייכנט די מ"מ אין דעם ליקוט, אבער רש"י פרעגט ניט די שאלה פון ספרי, נאר באופן אחר:

די שאלה פון ספרי איז, אז ס'איז דא א סתירה; "הקב"ה לא נתן קצבה לברכותינו ואתה אמרת אלף פעמים", ד.ה. אז די שאלה איז, ווי קען משה זאגן אלף פעמים בשעת דער אויבערשטער האט ניט געגעבן קיין קצבה.

אבער רש"י פרעגט ניט די שאלה, רש"י פרעגט (שלא כדרכו וואס ער זאגט אלע מאל דעם ביאור אן מקדים זיין די קושיא) "מהו שוב ויברך אתכם כאשר דבר לכם", ד.ה. אז די שאלה איז אויף דעם וואס ער איז כופל דעם ענין נאך אמאל, וואס אע"פ אז מ'געפינט כו"כ פעמים אין תורה וואס מ'איז כופל דעם זעלבן ענין, אבער וויבאלד אז ערשט דא איז געווען א אריכות וועגן די ברכה, איז וואס זאגט ער נאך אמאל "ויברך אתכם", אפי' אויב ער וויל כופל זיין דעם ענין, האט ער געדארפט זאגן "אלף פעמים כאשר דבר לכם", איז "מהו שוב ויברך אתכם".

דאס וואס רש"י פרעגט ניט די קושיא פון ספרי איז מובן, ווארום ביי א בן חמש למקרא לייגט זיך ניט אזא קושיא ווי זאגט מען "אלף פעמים" בשעת דער אויבערשטער האט געזאגט אז דאס איז בלי קצבה - ווארום ער קען זיך ניט מצייר זיין וואס הייסט א דבר וואס איז בלי גבול, במילא קען ער ניט האבן קיין טענה ווי זאגט מען "אלף פעמים" און ניט בלי גבול.

אפי' צו א גדול איז שווער צו מסביר זיין וואס הייסט בלי גבול, ווי דער צ"צ איז מבאר אין ספר החקירה (ע' 56 ואילך. ע' 227 ואילך) און אין דרך מצותיך (ע' נז, א ואילך), אז ס'קען ניט זיין אז זמן איז בל"ג בפועל, ווארום אויב מ'וועט זאגן אז ס'איז דא בל"ג רגעים בפועל, קומט דאך אויס אז ס'איז דא איין בל"ג וואס איז גרעסער פון א צווייטן בל"ג, ווארום בשעת מ'וועט רעכענען די רגעים פון זמן פון ברה"ע, וועט אויסקומען אז דאס איז אזוי פיל רגעים, און דאס ווערט נמשך בל"ג רגעים, און אז מ'וועט רעכענען די רגעים פון זמן פון מ"ת, איז דאס אויך בל"ג, אבער דער בל"ג איז קלענער מיט ב' אלפים תמ"ח שנה, עד"ז אז מ'וועט רעכענען די רגעים פון דעם זמן פון בנין ביהמ"ק, איז דאס נאך א קלענערן בל"ג.

קומט דאך אויס לפי"ז אז ס'איז דא איין בל"ג וואס איז גרעסער פון א צווייטן בל"ג, און ס'איז א כלל אין שכל אז ס'קען ניט זיין איין בל"ג גרעסער פון א צווייטן בל"ג.

קומט דאך אויס אז א מענטש קען זיך ניט מצייר זיין אן ענין פון בל"ג, ווארום ווי ער הויבט אן טראכטן וועגן עפעס א זאך, מוז ער אנהויבן פון א נקודה מסוימת, א נקודה אין גשם, א נקודה אין ענין, א נקודה רוחנית אפי', אבער ס'מוז זיין עפעס א נקודה, איז וויבאלד

- אז -

<u>הנחת הת' בלתי מוגה</u>

אז דאס האט א התחלה, איז בהכרח אז דאס איז אן ענין של הגבלה, און מ׳קען אלע מאל איבערציילן וויפל איז אריבער פון די נקודת ההתחלה.

דערפאר פרעגט ניט רש"י די שאלה וואס ער פרעגט אין ספרי, ווארום די שאלה לייגט זיך ניט ביי א בן חמש למקרא, נאר די שאלה וואס רש"י פרעגט איז "מהו שוב ויברך אתכם (כנ"ל).

עד"ז בשעת רש"י איז ממשיך "כבר הבטיח הקב"ה את אברהם אשר אם יוכל איש למנות גו׳", איז ער משנה פון דעם ספרי, וואס אין ספרי ברייננט זיך ניט דער פסוק, משא"כ רש"י ברייננט דאס, דארף מען פארשטיין פארוואס איז רש"י משנה פון דעם ספרי און ברייננט דעם פסוק?

ב) ווי גערעדט כמ"פ אז בשעת רש"י ברייננט אראפ די ווערטער פון פסוק, ברייננט ער נאר די ווערטער וואס זיי איז ער מפרש, איז דאך ניט פארשטאנדיק, וויבאלד אז רש"י קומט דא מפרש זיין אז דאס וואס ס׳שטייט "אלף פעמים" מיינט מען די ברכה וואס משה האט געגעבן משלו, האט ער געדארפט מעתיק זיין פון פסוק נאר די ווערטער "אלף פעמים", פארוואס איז ער מעתיק אויך די ווערטער "יוסף עליכם ככם"?

מיט נאך כמה דיוקים, וכפי שיתבאר לקמן.

ה. בנוגע צו דעם ביאור אין פרש"י, איז די קושיא וואס איז דא אין פסוק איז (כאמור לעיל) נאר "מהו שוב ויברך אתכם", פארוואס איז ער כופל נאכאמאל "ויברך אתכם", און ניט אז די קושיא איז ווי ער פרעגט אין מדרש, ווי האט משה געזאגט "אלף פעמים" וואס דאס איז אן ענין של קצבה, אידן דארפן דאך זיין אן א קצבה - ווארום ווי גערעדט פריער אזא קושיא לייגט זיך ניט ביי דעם בן חמש למקרא, ווייל ער קען זיך ניט מצייר זיין אן ענין של בלי גבול.

איז בשעת משה האט זיי געגעבן א ברכה "יוסף עליכם ככם אלף פעמים", איז דאך דאס א מספר גדול ביותר, ווארום דעמולט זיינען אידן געווען שש מאות אלף נאר די אנשים מבן עשרים שנה ומעלה, און לפי"ז דארף מען זאגן אז'לערך אזא מספר זיינען געווען די נשים, ועד"ז איז געווען דער מספר פון די טף, קומט דאך אויס אז דעמולט זיינען געווען אנדערהאלבן מליון צי צוויי מליון אידן, איז בשעת מ'גיט א ברכה אז ס'וועט זיין "אלף פעמים" אזוי פיל, איז דאך דאס א מספר פון צוויי בליון, וואס דאס איז א מספר גדול ביותר, במילא ביי א בן חמש למקרא לייגט זיך ניט א טענה ווי זאגט מען אז ס'וועט זיין נאר אזויפיל, און ניט בלי קצבה, ווארום דאס איז א מספר גדול ביותר, ולאידך, ער קען ניט מצייר זיין ביי זיך אן ענין של בלי קצבה.

און אפילו א גדול, איז בשעת מ'איז אים מסביר דאס וואס ער זאגט אין מדרש אז לע"ל וועט זיין דער ענין פון בלי קצבה, קען ער דאס ניט פארשטיין, ווארום מ'געפינט זיך דאך אין א וועלט וואס איז מוגבל אין מקום, ווי די גמרא (פסחים צד, א) זאגט שיתא אלפי פרסי הוי עלמא, און א מענטש דארף דאך פארנעמען לכה"פ אן אמה אחת, איז אין א וועלט וואס איז נאר שיתא אלפי פרסי, קען מען דאך אויסרעכענען וויפל אמות איז דארטן דא, במילא וועט מען וויסן וויפל מענטשן קענען אריינגיין אין דעם שטח,

וואס דאס איז אפילו אויב מ'וועט אויסרעכענען וויפל מענטשן קענען שטיין אין די גאנצע וועלט, עאכו"כ בשעת מ'ווייסט אז דעמולט וועלן אויך זיין שדות וכרמים, און מ'וועט אויך גיין ממקום למקום, און ס'וועלן זיין בנינים וכו', איז דאך פארשטאנדיק אז ס'וועט זיין א מספר מוגבל פון מענטשן, ניט קיין ענין של בלי קצבה (ראה ד"ה מים רבים תשי"ז ע' 12 בהערה).

און דאס וואס ס'שטייט "והי' מספר בנ"י כחול הים אשר לא ימד ולא יספר" (הושע ב, א), וואס דאס איז פארבונדן מיט דעם זמן וואס ישראל עושין רצונו של מקום, אדער באופן אחר, אז בעוה"ז יש להם מספר אבער לע"ל וועט זיין בלי מספר (נסמן בליקוט הנ"ל), איז בפשטות מיינט דאס ניט אן ענין של בלי מספר כפשוטו,

נאר ע"ד ווי דער בן חמש למקרא האט שוין געלערנט בנוגע צו יוסף, אז ער האט צוזאמען געקליבן די תבואה אין מצרים בשני השבע, "ויצבר יוסף בר כחול הים הרבה מאד עד כי חדל לספר כי אין מספר" (מקץ מא, מט), זעט מען דאך אז אע"פ אז ס'שטייט "אין מספר", מיינט דאס ניט בפשטות אין מספר - אן ענין של בלי גבול, ווארום דאס רעדט זיך דאך וועגן די תבואה וואס איז געווען אין ארץ מצרים, און אין מצרים גופא אין איין שטאט, וואס אין דער שטאט גופא זיינען געווען נאך זאכן, ס'איז געווען שווקים ורחובות וכו', און די תבואה איז געווען נאר אין א חלק קטן פון שטאט, אין די אוצרות - קען מען דאך ניט זאגן אז דארטן איז געווען תבואה בלי מספר ממש,

- מוז -

מוז מען זאגן אז דאס וואס ס'שטייט אין מספר, מיינט דאס ניט אז ס'איז ניט געווען קיין מספר, נאר דאס מיינט אז בשעת מען האט אנגעהויבן ציילן די תבואה, האט מען געזען אז ס'איז דא זייער א סאך, און אויב מ'וועט וועלן ציילן די גאנצע תבואה וועט דאס נעמען א ריבוי זמן, און ללא תועלת, וואס דערפאר האט מען אויפגעהערט צו ציילן - "כי חדל לספר" דערפאר וואס "אין מספר" - ס'איז ניט קיין נארמאלער מספר וואס מ'קען דאס ציילן פאר א זמן רגיל, האט מען אריינגעלייגט די תבואה אין די אוצרות אן ציילן, און דערנאך האט מען דערמיט געשפייזט די מצריים.

ועד"ז איז פארשטאנדיק בנוגע צו דעם וואס ס'שטייט אז אידן וועלן זיין כחול הים אשר לא יספר, איז ניט דער טייטש אז ס'וועט זיין בלי קצבה, נאר ס'וועט זיין אזא גרויסער ריבוי אז מ'וועט ניט וועלן ציילן, ווייל דאס נעמט א ריבוי זמן וכו', וואס דערפאר וועט מען זיי ניט ציילן.

ולאידך גיסא איז לאו דוקא אז דאס וואס משה האט געזאגט אלף מיינט דאס אלף בדוקא; בשעת ס'שטייט אין קהלת (ז, כח) "אדם אחד מאלף מצאתי", אדער "אלף שנה פעמיים" (שם ו, ו), פארשטייט מען אז דארטן ווערט געמיינט בדוקא אלף, משא"כ דא מיינט מען א מספר גדול, לאו דוקא אלף בדיוק. אבער אפילו אז מ'וועט אנעמען כפשוטו אז מ'מיינט אלף דוקא, איז דאך דאס ניט קיין מספר קטן וכו', און וואס איז אידן'ס טענה?

און אויף דעם איז רש"י מסביר אז די טענה פון אידן איז געווען וויבאלד אז דער אויבערשטער האט געזאגט צו אברהם "אשר אם יוכל איש למנות גו'" - אז ס'וועט זיין אזא גרויסער מספר אז מ'וועט אים ניט גיין ציילן, איז ווי קומט דאס אז משה רבינו זאגט אלף פעמים - ער ציילט זיי יע.

אויף דעם האט זיי משה רבינו געענטפערט "זו משלי אבל הוא יברך אתכם כאשר דבר לכם", וואס דער בן חמש למקרא האט שוין געלערנט אז דער אויבערשטער האט געזאגט צו אברהם "והיה ברכה", אז ער האט אים געגעבן דעם כח צו בענטשן ווענען ער וויל (און דערנאך האט דאס דער אויבערשטער געגעבן צו יצחק און צו יעקב וכו'), און ס'איז דאך מובן אז וויבאלד אז דער ענין פון אברהם איז דאך חסד, האט ער זיכער געבענטשט אויך פריער, נאר ס'איז א חילוק צווישן די ברכה וואס ער גיט מצ"ע, מיט די ברכה וואס ער גיט נאך דעם וואס דער אויבערשטער האט אים געגעבן דעם כח אויף דעם, ועד"ז איז מובן בנוגע צו ברכתו של משה, אז ס'איז דא די ברכה וואס משה גיט דערפאר וואס דער אויבערשטער האט אים געגעבן דעם כח, און ס'איז דא די ברכה וואס דער אויבערשטער אליין גיט.

און וויבאלד אז משה איז געווען "עניו מאד מכל האדם אשר על פני האדמה", איז מצד גודל ענוותנותו האט ער געזאגט "זו משלי", ווארום ער קען ניט געבן א ברכה וואס איז בלי קצבה, מערניט ווי "אלף פעמים", אבער "הוא יברך אתכם כאשר דבר לכם".

וואס דאס איז אויך פארבונדן מיט די יינה של תודה שבפרש"י, וואס דאס איז וואס ער איז מבאר אין כתבי האריז"ל עה"פ "יוסף עליכם ככם אלף פעמים" (לקו"ת להאריז"ל עה"פ, שער הפסוקים עה"פ), אז די שמות "א-ל שדי" איז בגימט׳ משה, און דער מילוי פון "א-ל שדי" איז אלף, וואס דערפאר האט משה רבינו געזאגט יוסף גו׳ אלף פעמים, וואס דאס איז דער ענין פון ספירת הבינה, און דאס וואס ער זאגט אז ה׳ אלקי אבותיכם יברך אתכם, איז דאס דער ענין פון אבא עילאה - חכמה.

וואס דער חילוק צווישן בינה מיט חכמה איז דאך אזוי ווי דער חילוק פון גבול מיט בל"ג, ע"ד ווי דער חילוק צווישן אצילות, עולם האחדות, וואס דארטן איז שורה ספירת החכמה, מיט בריאה, עלמא דפרורא, וואס אימא עילאה מקננא בכורסיא - וואס דאס איז אן ענין פון קצבה, און דאס איז אן ענין פון בלי קצבה.

אעפ"כ איז אבער אויך חכמה דאצילות לגבי עולמות הא"ס אן ענין של הגבלה, ווארום אין עולם האצילות איז דאך עשר ולא תשע עשר ולא אחד עשר, משא"כ עולמות הא"ס איז אע"פ אז זיי זיינען עולמות, אעפ"כ איז דאס א"ס -

איז דאס אויך מתאים מיטן פירוש פון דש"י וואס ער לערנט ניט ווי דער ספרי (כנ"ל), וואס לויט דעם ספרי איז דאס אן ענין וואס אין קצבה לגמרי, משא"כ לויט רש"י, איז דאס מתאים מיט דעם ביאור אין כתבי האריז"ל אז דאס איז דער ענין פון עולם האצילות, וואס ער איז ניט קיין ענין של בלי קצבה לגמרי, ווארום לגבי עולמות הא"ס איז דאס אן ענין של גבול, נאר אין דעם גופא איז דא דער חילוק פון מוחין דאבא מיט מוחין דאימא.